46 וועלכער האָט געפֿונען חן בײַ ג־ט, און האָט געבעטן
צו געפֿינען אַ געצעלט פֿאַר דעם ג־ט פֿון יעקבֿ.
47 שלמה אָבער האָט געבויט פֿאַר אים אַ הויז. נאָר
48 דער אויבערשטער וואוינט נישט אין (הײַזער),
וואָס זענען פֿון הענט געמאַכט, ווי דער נביא
זאָגט:

49 דער הימל איז מײַן טראָן,
און די ערד—דאָס פֿוסבענקעלע פֿאַר מײַנע פֿיס;
וואָס פֿאַר אַ הויז וועט איר מיר בויען?
זאָגט דער האַר (ג־ט);
אָדער וועלכעס איז דאָס אָרט פֿון מײַן מנוחה?
50 צי האָט דען נישט מײַן האַנט געמאַכט די
דאָזיקע אַלע זאַכן? (ישעיהו סו, א־ב.)

51 איר האַרטנעקיקע און (וואָס האָבן) נישט־געמלטע
הערצער און אויערן, איר שטעלט זיך תּמיד אַקעגן
דעם רוח הקודש; ווי די עלטערן אײַערע, אַזוי איר.
52 וועמען פֿון די נביאים האָבן אײַערע עלטערן
נישט גערודפֿט? און האָבן געטייט די, וואָס האָבן
פֿאָרויסגעזאָגט וועגן דעם קומען פֿון דעם צדיק,
וועמעס מוסרים און רוצחים איר זענט איצט געוואָרן;
53 איר, וועלכע האָבן מקבל געווען די תּורה דורך דער
פֿאַרמיטלונג פֿון מלאכים, און האָבן זי (דאָך) נישט
געהאַלטן!

54 און הערנדיק דאָס, האָט עס זיי געשטאָכן
אין זייערע הערצער, און זיי האָבן געקריצט
55 מיט די ציין אויף אים. און ער, זייענדיק פֿול
מיט דעם רוח הקודש, האָט אַרויפֿגעבליקט צום
הימל, און געזען דעם כּבֿוד פֿון ג־ט, און
56 ישוען שטיין אויף ג־טס רעכטער זייט, און האָט
געזאָגט: אָט זע איך די הימלען געעפֿנט און דעם
בן־אָדם שטיין אויף דער רעכטער זייט פֿון ג־ט.